NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13507

# DI ARKHANGELSKER ROBINZONEN

N. K. Lebedyev

*The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



נ. ק. לעבעדיעוו

# די ארכאנגעלסקער ראָבינזאָנענ

פארלאג „עמעס", מאסקווע 1935

ביבליאָטעק פון געאָגראַפיע פאַר דער אָנפאַנג־שול

נ. ק. לעבעדיעוו

# די ארכאַנגעלסקער ראָבינזאָנען

נטראַלע יידישע ביבליאָטעק
אין פּרעסע ארכיוו

PRIN S.R.

פאַרלאַג „עמעס“, מאָסקווע 1935

Редактор перевода—М. Герр
Техредактор—М. Погостер
Корректор—А. Биттер

Сдано в производство 22/II—35 г.
Подписано к печати 28/III—35 г.
Ф. б. 82X110 1/32. 2 п. л.

Уп. Главлита Б—4211
Изд. „Дер Эмес“ № 35. Тираж 5000 экз.

Тип. изд-ва „Дер Эмес“, Москва, Покровка 9.
Зак. № 269.

## ווער איז געווענ ראָבינזאָנ

א מענטש, וואָס ווערט פארוואָרפנ אינ א ניט־באַווינט אָרט אונ לעבט דאָרט גאָר אַליינ, רופט מענ ראָבינזאָנ. דער נאָמענ שטאמט פונ א מעשה מיט אנ ענגלישנ מאטראָס ראָבינזאָנ קרוזאָ, וואָס אנ ענגלישער שרײַבער האָט מיט צוויי הונדערט יאָר צוריק אויסגעטראכט אונ באשריבנ.

ראָבינזאָנ קרוזאָ איז נאָכ א שיפ־ברוכ פארוואָרפנ געוואָרנ אפ א ניט־באַוווּסטנ אינדזל. נאָר אדאנק זײַנ דרייסטקײַט אונ דערפינ־דערישקײַט איז ער ניט אומגעקומענ. ער האָט פארבראכט אפנ אינדזל א סאכ יאָרנ אונ האָט זיכ אויסגעלערנט אויסארבעטנ פארשיידענע זאכנ, וואָס זײַנענ נייטיק צום לעבנ.

אינ אונדזער ביכל ווערט דערציילט ניט קיינ אויסגעטראכטע מעשה וועגנ ראָבינזאָנענ, נאָר אנ עמעסע פאסירונג מיט פיר יעגער פונ ארכאנגעלסק, וואָס באם ברעג פונעם ווײַסנ יאם. זיי זײַנענ פארוואָרפנ געוואָרנ אפ א וויסטנ אײַז־אינדזל אונ האָבנ דאָרטנ פארבראכט גאנצע זעקס יאָר איינע אַליינ.

## דער אײַז־יאם

אינ יאָר 1743, אינ כוידעש יונ איז פונ דער שטאָט מעזענ, ארכאנגעלסקער גובערניע,[1] אָפּגעשווומענ אינ ווײַסנ יאם ארײַנ א זעגל־שיפ.

אפ דער שיפ זײַנענ געווענ 14 יעגער. די שיפ האָט געפירט דער עלטסטער לאָצמאנ אלעקסיי כימקאָוו, א מענטש בא די פופצי־

1 אמאָל האָט רוסלאנד זיכ געטיילט אפ גובערניעס אינ ניט אפ ראיאָנענ, ווי איצט.

קער, אלע איבעריקע זײַנענ געווענ ייִנגער, אָבער צום יאם זײַנענ זיי שוינ אלע געווינס געוואָרנ.

אָפנ צאָפנ שפּײַזט דעם מענטשנ ניט די ערד, נאָר דער יאם. די מענטשנ, וואָס וווינענ באַם ברעג פונ ווײַסנ יאם — די פאָמאָרנ (פונעם וואָרט „מאָריע" — יאם) פארנעמענ זיכ קימאַט אַלע מיט יאגד אפ יאם-כײַעס אונ מיט פישפאנג.

נאָכ מיט פינפ הונדערט יאָר צוריק האָבנ די ערשטע רוסישע איבערוואנדערער אפנ ברעג פונ ווײַסנ יאם פארפירט די יאגד־געווערבנ. פונ דעמלט אָנ שפּײַזנ זיכ זייערע-אייניקלעכ אונ אור־אייניקלעכ פונ יאגד אפ יאם-כײַעס. אפנ צאָפנ איז די גערעטעניש אפ ברויט א שלעכטע. דער זומער איז קורצ אונ קאַלט. עס איז שווער דורכצוקומענ אינ צאָפנ-קאנט אָנ יאגד אפ יאם-כײַעס. האָבנ כימקאָוו מיט זײַנע כאווײרים זיכ געלאָזנ אינ יאם ארײַנ. אינ עט־לעכע טעג ארום איז זייער זעגל-שיפ ארויס פונ ווײַסנ יאם אפ די בריטע שטרעקעס פונעם פאָליאר־יאם, אָדער אײַז-יאם.

דער יאם רופט זיכ אײַז-יאם דערפאר, וואָס א גאנצ יאָר, סײַ זומער סײַ ווינטער, שווימענ דאָרטנ גרויסע קריִעס אונ אײַזבערג.

דער קאַלטער פאָליאר-יאם האָט זיכ צעשפּרייט אפ א מעהאלעכ פונ העכער פיר טויזנט קילאָמעטער אינ דער לענג אונ קימאַט אזוי־פיל אינ דער ברייט. א סאכ אינדזלענ פארמאָגט דער דאָזיקער יאם. די אינדזלענ זײַנענ באדעקט מיט אייביקנ שניי אונ אײַז. גאנצע ניינ כאדאָשים אינ יאָר שטייט דאָ א שרעקלעכער ווינטער מיט ביטערע פרעסט. פונ אָקטיאבער ביז פעווראל באווײַזט זיכ דאָ די זונ קימאַט גאָר ניט. אָט די גאנצע צײַט איז אינ צאָפנ קעסיידער נאכט. אינ דער נאכטיקער פינצטערקײַט בושעווענ שטארקע שניי־שטורעמס. די פרעסט דערגייענ ביז 50 גראד.

אָבער אפילע זומער איז אפנ ווײַסנ צאָפנ ניט קיינ סאכ בעסער. אינ די כאדאָשים יונ אונ יול שײַנט די זונ אפילע א גאנצנ מעס־לעס, אָבער זי שטייט אינ הימל גאנצ נידעריק. אירע שטראלנ פאלנ אינדערקרים: זיי ווארעמענ שלעכט אָנ די ערד אונ קאָנענ ניט צעשמעלצנ די קאָלאָסאלע פלאסטנ אײַז אונ שניי.

זומער איז די טעמפעראטור אפ די אינדזלענ פונ פאָליאר־יאם ניט מער פונ 5—6 גראד ווארעמקײַט. דעריבער וואקסט דאָ קימאַט



שפּיצבערגען
פראַנץ-יאָזעפס לאַנד
צאָפנדיקער פּאָליאַר-
ים
נאָוואַיאַ זעמליאַ
ווײַסער ים
ארכאַנגעלסק
מעזען
מאַסשטאַב
200 0 200 400 קמ

גאָרנישט ניט. נאָר ווו די זונ וואַרעמט שטאַרק, צעגייט דער שניי און די ערד דעקט זיכ אָפּ, נייט אָפּ, אָבער ניט מער ווי אפ א האַלבנ מעטער די טיפ. אפ אזעלכע ערטער וואַקסט אויס גרוילעכער מאָכ און האַרט קורצ מאָגער גראָז.

אָט דער גאַנצער ברייטער געביט, ווו עס געפינט זיכ דער קאַלטער צאָפנדיקער יאַם, די גאַנצע ערד מיט די אינדזלענ, וואָס



זייער שיפ איז ארויס פונ ווייסנ יאם אינ אייז־יאם.

ליגנ אפ דעם דאָזיקנ יאם, — ווערט אָנגערופנ צאָפנדיקע פּאָליאַר־געגנט. מע רופט אים אזוי, ווײַל אפ דעם דאָזיקנ טייל ערד געפינט זיכ דער צאָפנ-פּאָליוס פונעם ערד־קײַלעכ.

די גרעסטע אינדזלענ אפנ צאָפנדיקנ פּאָליאַר־יאם, — אינ דעם טייל יאם, וואָס איז נעענטער צו אונדז, זײַנענ — דער טאָפּלטער אינדזל „נאָוואַיאַ זעמליאַ“ און די שפּיצבערגענ-אינדזלענ אָדער, ווי מע האָט זיי גערופנ אַמאָל, גרומאַנט. „נאָוואַיאַ זעמליאַ“ ליגט ווײַט הינטער אַרכאַנגעלסק. פונ אַרכאַנגעלסק ביז „נאָוואַיאַ זעמליאַ“ איז מיטנ יאם העכער טויזנט קילאָמעטער, און די שפּיצבערגענ־אינדזלענ

ליגנ צו מייִרעוו־זייַט פינ „נאָוואיא זעמליא“, אנטקעגנ אונדזער מורמאנסקער יאם־ברעג.

„נאָוואיא זעמליא“ פארנעמט אינ דער לענג קימאט טויזנט קילאָמעטער, אונ אינ דער ברייט: אינ אייניקע ערטער דרייַסיק קי־לאָמעטער אונ אינ אייניקע — בא הונדערט. דער אינדזל איז באַ־דעקט מיט הויכע שטייניקע בערג.

ווענ מע זאָל שווימענ לענגזויס דעם ברעג פונ „נאָוואיא זעמליא“ קאָנ מענ באמערקנ, ווי די בערג ווערנ אלצ העכער אונ העכער. אלע בערג זייַנענ באדעקט מיט שניי אונ אייַז. א געדיכטער טומאנ פארהילט אָפט די שפיצנ פונ די בערג אונ דערפונ זעענ זיי אויס נאָכ העכער.

אפנ אינדזל „נאָוואיא זעמליא“ איז ווינטער אפילע ניט קעלטער, איידער אינ פיל ערטער פונ סיביר, אָבער קיינביימער וואקסנ דאָ ניט, ווייַל דער זומער געדויערט דאָ ניט מער ווי א וואָכנ צענ, אונ מער פונ 5—7 גראד ווארעמקייַט טרעפט דאָ קיינמאָל ניט.

נאָר אינ ווינציקע ערטער, ווו די זונ ווארעמט באזונדערס שטארק, וואקסט מאָכ אונ מאָגער גראָז אונ ווו־ניט־ווו באווייַזנ זיכ נעבעכדיקע קוסטעס פונ דער נידעריקער ווערבע אונ די צאָפנ־בעריאָזקעס. אָבער די ווערבעס אונ די בעריאָזקעס זייַנענ אינ „נאָ־וואיא זעמליא“ גאָר ניט ענלעכ אפ אונדזערע. דאָס איז אפילע ניט קיינ וועלדל, נאָר פיצינקע נידעריקע קוסטיקעס פונ עטלעכע סאנ־טימעטער די הייכ. די פאָלארישע ווערבע איז עטוואָס ענלעכ אפ די מאָגערע קוסטעס פונ ברוסניצע. אָבער אָט די פיצינקע ווערבע גיט פרילינג־צייַט שפּראָצנ אונ בלית.

אינ די סאמע ווארעמע ערטער, וואָס זייַנענ באשיצט פונ ווינט, וואקסנ דאָ אויכ די צאָפנדיקע ווייַסע מאלינעס אונ עס פארשפרייט אירע צווייַגעלעכ־ציימעלעכ די שווארצע ראָבנ־יאגדע.

אָבער דער קורצער זומער באווייַזט ניט צו צעשמעלצנ דעם גאנצנ שניי אפ דער „נאָוואיא זעמליא“. אינ אווגוסט הייבנ זיכ שוינ אָנ פרעסט, אונ פונ סענטיאבער שטעלט זיכ שוינ דער ווינטער.

נאָכ אָרעמער אינ געוויקסנ אונ נאקעטער זייַנענ די אנדערע אינדזלענ אפנ פאָליאר־יאם — די שפּיצבערגענ־אינדזלענ. שפּיצבערגענ

איז אינגאנצנ באדעקט מיט שפּיציקע בערג, אונ מאקע דערפונ שטאמט זײַנ נאָמענ.

די אינדזלענ שפּיצבערגענ אָדער גרומאנט, ליגנ א טויזנט קילאָ־מעטער צו מײַרעוו-זײַט פונ „נאָוואיא-זעמליא". שפּיצבערגענ אונ די שכייניסע אינדזלענ רופנ די יאמ-דרײַענדע אָפּט אָנ — דאָס „שרעקלע-כע" לאנד.

דער ווינטער הויערט דאָ נײַנ כאדאָשימ, אונ דרײַ כאדאָשימ אינ יאָר באווײַזט זיכ דאָ די זונ אינגאנצנ ניט. אינ פינצטערניש אונ קעלט בושעוועט דאָ אָפּט שטאַרקע שניי-ווינטנ אונ שטורעמס.

אפילע די נעבעכדיקע אונ מאָגערע געוויקסנ, וואָס מע קאָנ געפינענ אינ „נאָוואיא-זעמליא", זײַנענ דאָ פאראנ גאָר ווייניק. נאָר טונקעלער מאָכ באדעקט אינ אייניקע ערטער די שטייניקע פעלדזנ, וואָס ווערנ זומער פרײַ פונ שניי. די ברעגנ פונ שפּיצבערגענ זײַנענ אפילע זומער וויסט אונ ווילד.

## וואָס פארמאָגנ די פּאָליארע לענדער

די פּאָליארע ערד איז די סאמע אומפרוכטבארע אפנ ערד-קײַלעכ. דאקעגנ זײַנענ אינעם פּאָליאר-יאמ פאראנ ניט בלויז קאָלערליי סאָרטנ פיש, נאָר אויכ ווערטפולע יאמ-כײַעס: וואלפישנ, יאמ-פערד, יאמ-הינט אונ אנדערע. אָפטער פונ אלע טרעפנ זיכ אינ פּאָליאר-יאמ יאמ-פערד. א יאמ-פערד איז א גרויסע כײַע פונ 3—4 מעטער די לענג, אמאָל נאָכ לענגער. עס פארמאָגט לאנגע אונ גראָבע באקציינער. פונ די ביינער פונ אזעלכע כײַעס-ציינער ווערנ אויסגעארבעט פארשיידענע ארטיקלענ. דאָס יאמ-פערד האָט נאָכ א גרויסנ ווערט דערפאר, וואָס עס פארמאָגט גוט שמאלצ אונ א גראָבע פעל.

אויסער יאמ-פערד זײַנענ נאָכ אינ פּאָליאר-יאמ פאראנ פיל יאמ-הינט. דער יאמ-הונט איז עפּעס ענלעכ אפנ יאמ-פערד. ער איז נאָר נידעריקער אונ האָט ניט קיינ רײַס-צײַנער. יאמ-הינט קאָנ מענ געפינענ אינ יאמ גאנצע סטאדעס.

מיט זײַנע קורצע פיסלעכ, וואָס ווערנ אָנגערופנ פלוס-פיס, שווימט דער יאמ-הונט אויסגעצייכנט. פאר קיינ קאלט וואסער האָט דער יאמ הונט קיינ מוירע ניט; ווי דאָס יאמ-פערד, אזוי האָט ער אויכ אונטער דער פעל א דיקנ שיכט שמאלצ, וואָס לאָזט ניט צו קיינ



די בײַעס און די פֿײגלען פֿון צאָפֿן

קעלס. די יאם־הינט און יאם־פערד ליגן ניט שײַענדיק אין וואסער. זיי קריכן אָפּט ארויס אף די קריַעס, און זומער האָבן זיי ליב צו װארעמען זיך אף דער זון. א יאם־הונט איז א פּױליאַק. ער איז זײער פױל און ליגט אויסגעצויגן אפן אײַז, זעלטן ווען ער גיט זיך א קער צו דער זון — מיטן בויך, מיטן רוקן אָדער מיט די זײַטן.

ווי דאָס יאם־פערד אזוי גיט אויך דער יאם־הונט דעם מענטשן פיל נוצלעכע פּראָדוקטן. פון זײַן שמאלץ ווערט אויסגעארבעט זייף, שמירעכץ און אפן צאָפן ברענט מען שמאלץ פון יאם־הינט אנשטאָט קעראָסין. דאָס פליייש פון יאם־הונט עסט מען און פון זײַן פעל ווערן אויסגעארבעט קליידער, שוכווארג און פארשיידענע זאכן, ווי, צומבײַשפּיל, טעקעס פאר שילער.

אינעם פּאָליאר־יאם זײַנען אויך פאראן וואלפישן. א וואלפיש איז א קאָלאָסאלע יאם־כײַע. לויט זײַן אויסזען איז א וואלפיש ענלעך



א וואלפיש

אף א גרויסן פיש. עס טרעפן וואלפישן פון 25 מעטער די לענג. א וואלפיש האָט א גוואלדיק גרויס מויל, וואָס קאָן גרינג ארײַנעמען אין זיך א גרויס רודער־שיפל. אָבער קיין ציינער האָט דער וואלפיש ניט. אָנשטאָט ציינער וואקסן בא אים אף דער אויבערשטער קינבאק

א גאנצע רײ לאנגע עלאסטישע האָרן-פלעטלעכ. באם אונטערשטנ
ברעג צעטײלנ זיכ די פלעטלעכ אפ באזונדערע פעדעמ אונ בילדנ
עפעס ווי פרענדזלעכ, וואָס שטארצנ ארויס פונ מויל אונ זײַנענ עמ־
וואָס ענלעכ אפ וואָנצעס. דעריבער רופט מענ זײ טאקע אינ אײניקע
שפראכנ וואלפיש־וואָנצעס (אינ ײדיש פישבײנ). דער וואלפיש דער־
נערט זיכ מיט פארשײדענע קלײנע יאמ-באשעפעניש, מושעלנ אונ
קלײנע פישלעכ. ווענ דעמ וואלפיש פארווילט זיכ עסנ, עפנט ער
עכוואָס זײַנ קאָלאָסאל מויל אונ שוימט פאָרויס. צוזאמענ מיטנ וואסער
פאלנ ארײַנ צו אימ אינ מויל פישלעכ אונ הונדערטער פארשײדענע
אנדערע קלײנע יאמ-באשעפעניש, דאָס וואסער רינט ארויס צוריק
פונ די זײַטנ מויל אונ די פישלעכ בלײַבנ שטעקנ איבער די פלאטנ.
אויגנ האָט דער וואלפיש קלײנינקע. קײנ פיס האָט ער גאָר ניט.
אָנשטאָט פיס האָט ער פונ פאָרנט צווײ פלוסנ. פונ הינטנ האָט דער
וואלפיש אנ עק פונ א פיש. אפנ סאמע שפיץ קאָפ האָט דער וואל־
פיש נאָזלעכער, דורכ וועלכע ער אָטעמט. איבער דעמ האלט ער דעמ
אויבערשטנ טײל קאָפ איבערנ וואסער.
עטעמענדיק ווארפט ער ארויס אינדערלופטנ א גאנצנ פאָנטאנ
וואסער אונ פארע.
געווײנלעכ לעבנ וואלפישנ אײנציקווײַז, אָדער פאמיליעװײַז —
פאָטער, מוטער אונ אײנ אָדער צווײ קינדערלעכ. אָבער עס טרעפט,
אז די וואלפישנ פארײניקנ זיכ אינ גרויסע סטאדעס, אפ ווינטער
פארלאָזנ די וואלפישנ דעמ פאָליאר־יאמ אונ גײענ אוועק אינ וואַ־
רעמע יאמענ, אָבער זומער קערנ זײ זיכ ווידער אומ אפנ צאָפנ.
דער וואלפיש האָט אויכ אונטער דער פעל א דיקנ שיכט שמאלצ,
וואָס באשיצט אימ פונ קעלט אונ האלט אופ זײַנ שווערנ קערפער
אינ וואסער. וואלפיש־שמאלצ אונ פישבײנ זײַנענ זײער טײַער, אונ
דעריבער פאָרנ פיל יעגער אינ פאָליאר־יאמ אפ יאגד אפ די
וואלפישנ.
די יאמ־פערד, יאמ-הינט אונ וואלפישנ לעבנ טאקע אינ די פאָ־
ליארע יאמענ, אָבער ניט זײ זײַנענ די עמעסע באלעבאטים אינ דער
פאָליארער געגנט. אפ ווינטער פארלאָזנ די דאָזיקע יאמ־חײַעס דעמ
צאָפנ אונ גײענ אוועק אינ ווארעמע ערטער. דער עמעסער באלעבאָס
אינ דער פאָליאר-געגנט איז דער ווײַסער בער, אָדער, ווי מע רופט

אים אין צאַפּן, דער אַשקוי (דער אײַז־בער). דער ווײַסער בער איז ענלעך אויף אונדזער קרומפֿיסיקן בער. ער איז נאָר לענגער פֿון אונדזער בער און די האָר זײַנע זײַנען ווײַסע, זילבערנע, בײַ אַלטע בערן ווערן די האָר געלבלעך.

אויף ווינטער קריכט דער ווײַסער בער ניט אַרײַן אין היל, ווי אונדזער וואַלד־בער. ער גייט אויך אַלײן אַרום זאַלבעצווייט איבער די אײַז־פֿעלדער און שפּירט נאָך נאָך אומפּאָרזיכטיקע יאַמהינט. ווײַסע בערן דערנערן זיך אויך מיט פֿיש, וואָס זיי פֿאַנגען זייער געשיקט אין וואַסער. זומער האָבן די ווײַסע בערן ליב צו נאַשן פֿייגל־אייעלעך און ערשטגעבוירענע פֿייגעלעך.

דער ווײַסער בער האָט ניט קיין מורא פֿאַר קיין קעלט, די בערעכע האָט אַפֿילו ווינטער בערעלעך.

אין דעקאַבער האָט די בערעכע צוויי־דרײַ קינדערלעך, זיי זײַנען זייער קליינינקע, ניט גרעסער פֿון אַ קעצעלע? אָבער זיי וואַקסן גיך און פֿרילינג זײַנען זיי שוין ווי אַ הינט די גרייס. פֿרילינג צעשפּאַלט די בערעכע איר אײַז־הייל און פֿירט אַרויס די בערעלעך אויף דער פֿרײַ. זי לערנט זיי שווימען און פֿאַנגען פֿיש. זומער גייען די בערעלעך אום צוזאַמען מיט דער מוטער און נאָר אין האַרבסט פֿאַרלאָזן זיי זי און הייבן אָן לעבן זעלבשטענדיק.

דער ווײַסער בער איז זייער גרויס. אָבער ער איז אַן אויסגעצייכנטער שווימער. ער טוקט זיך אין קאַלטן וואַסער צווישן קריעס, קריכט איבער די אײַזבערג און שפּירט אויס, וווּ עס ליגן די יאַמחיות — יאַמפֿערד און יאַמהינט. אַז ער דערזעט אויף אַן אײַז אַ יאַמפֿערד, גאַנבעט ער זיך צו צו אים פֿון דער זײַט, וווּהין דער ווינט בלאָזט. אַז דער בער קומט צו צום יאַם־פֿערד נאָענט, פֿאַרקירט ער אָפּ אַרײַנצוהעצן זײַנע נעגל דעם יאַם־פֿערד גלײַך אין נאַקן אַרײַן. דאָס יאַמפֿערד רײַסט זיך אַרויס, ברומט פֿון ווייטיק און פֿויזעט צום וואַסער. דער בער לאָזט ווידער אַרײַן זײַנע נעגל דעם יאַמפֿערד אין נאַקן. אין צווישן דעם בער און דעם יאַמפֿערד הייבט זיך אָן אַ קאַמף אויף לעבן און טויט. עס טרעפֿט, אַז דעם יאַמפֿערד גיט זיך אײַן צו דערקריכן ביזן ברעג אײַז און זיך אַרײַנוואַרפֿן אין וואַסער אַרײַן. דעמאָלט וואַרפֿט זיך דער בער נאָך אים אין וואַסער און ערשט דאָ מאַכט ער אַ סאָף צום יאַמפֿערד.



א פֿויגל־מאַרק

אפ יאמ־הינט באכנ די ווײַסע בערנ אנ אנדערש מאָל אנ עכט געיעג. אז דער בער באמערקט, ווו עס שווימענ יאמ־הינט, זעצט ער זיכ אפנ ברעג אײַז אונ שפירט נאָכ נאָכ זיי. ווי נאָר ער דערזעט א קאָפּ פונ א יאמ־הונט ארויסגעשטעקט פונ וואסער, כאפט ער אימ געשיקט אָנ אונ אינ עטלעכע מינוט ארום איז דער יאמ־הונט דער־שטיקט. דער בער שלעפט ארויס דעם דערשטיקטנ יאמ־הונט פונ וואַ־סער אפנ אײַז אונ פרעסט אימ אופ.

זומער קומענ צו פליִענ אינ די פּאָליארע לענדער, אפ די אינ־דזלענ פונ אײַז־יאמ, אָנ א שיר פארשיידענע יאמ-פויגלענ. פויגלענ זײַנענ דאָ פאראנ אזויפיל, אז זיי פארדעקנ אָפט אינגאנצנ די קאָ־לאָסאלע פעלדזנ. אזעלכע ערטער, ווו עס נעסטנ א סאכ פויגלענ, רופט מענ „פויגל־שטעט“ אָדער „פויגל-מערק“. דאָ איז בעעמעס אנ אייביקע גראגערײַ, ווי אפ א מארק.

מער פונ אלצ קומענ צו פליִענ אינ די פּאָליאר־לענדער מעוועס, יאמ־קראָענ, טוק־פויגלענ, גענדז, יאמ־ענכלעכ אונ איידער-גענדז. איי־דער-גענדז גיבנ זייער א לײַכטנ, ווערטפולנ פוכ.

אזויארום איז דאָס לעבנ אינ די פּאָליארע לענדער אינ דער קורצער זומער-צײַט זייער אינטענסיוו. אָבער ווי נאָר עס קומט אָנ אווגוסט כוידעש אונ עס הייבנ זיכ אָנ די קעלטנ, שטארבט דאָס לעבנ ווידער אָפּ, קימאט אלע פויגלענ פליִענ אוועק אפ דאָרעמ. די יאמ-הינט אונ די יאמ־פערד שווימענ אוועק אהינ, ווו עס איז ווארע-מער. עס בלײַבנ ווינטערנ נאָר די ווײַסע בערנ אונ די פּאָליארע פוקסנ (אײַז־פיקסלעכ). זיי נישטערנ איבער די אײַז-פעלדער אונ זוכנ דערנערונג.

די יאמ-כײַעס, פיש אונ פייגל האָבנ נאָכ פונ די אלטע צײַטנ אָנ געצויגנ די מענטשנ צומ ווײַטנ צאָפנ. יעדנ זומער קומענ אינ די פּאָליאר-יאמענ אונ אפ די אינדזלענ אינ פּאָליאר־געגנט טויזנטער יעגער. אינ געדעקטע שיפנ, קארבאסנ אָדער לאנגע פישער־שיפנ (שניאקעס) שווימענ די דרייסטע יעגער אָפּ אפ טויזנטער קילאָמעטער ווײַט פונ זייערע היימענ אונ דאָ הארגענענ זיי יאמ-כײַעס, יאָגנ זיכ נאָכ וואלפישנ אונ בערנ, זאמלענ דעם פוכ פונ די וואסער־פויגלענ.

צוליב דעם צוועק איז אלעקסיי כימקאָוו מיט זײַנע כאַווײרים סאַקע אָפּגעשוואומען אינ אײַז-יאַם. זיי זײַנען געשוואומען צום אינדזל „נאָוואיא זעמליא“, ווו זיי פלעגנ נאָך פריער קומען אַלע זומער.

## ווי נאָך א שיפּ־ברוך

אכט טאָג נאָכאַנאַנד איז געשטאַנען א גוטער וועטער. דאָס שיפל האָט שוינ געהאַלטנ באַם צושווימען צום אינדזל „נאָוואיא זעמליא“. עס האָבנ זיך שוינ באַוויזנ די הויכע בערג, באַדעקטע מיט שניי אונ אײַז.

— נו, ברידער, — האָט כימקאָוו געזאָגט צו זײַנע כאַווײרים, — מאָרגנ וועלנ מיר זײַנ אפּנ אָרט, מיר וועלנ עטוואָס אָפּרוען אונ זיך נעמען פאַר דער ארבעט.

נאָר פּלוצלינג צו אָוונט־צו האָט זיך אפּנ יאַם אופגעהויבנ א שטאַרקער שטורעם. דער יאַם האָט זיך באַדעקט מיט גרויסע כוואַליעס. זיי האָבנ דאָס שיפל געוואָרפנ פונ איינ זײַט צו דער צווייטער, ווי א שפענדל, אײַז־וואַסער האָט פארגאָסנ דעם דעק. דער ווינט האָט גיך געטריבנ דאָס קליינע שיפל אינ דער אנדערער זײַט פונ „נאָוואיא זעמליא“.

— עס האַלט שמאָל, יאַטנ, — האָט געזאָגט דער לאָצמאַנ. — דער שטורעם האָט זיך צעבושעוועט גאָר אפּ אנ אויפנ, ווײַזט אויס, ניט באַשערט אונדז צו קומען צו „נאָוואיא זעמליא“.

אַלע האָבנ פארלאָרנ דעם מוט. גאַנצע דרײַ טעג האָט דער יאַם געשטורעמט, ערשט אפּנ פערטנ טאָג האָט דער שטורעם אופגעהערט.

אפּנ הימל האָט זיך באַוויזנ די זונ, אָבער די זונ האָט אויך ניט געקאָנט טרייסטנ די יעגער, ווײַל זיי האָבנ דערזענ, אז דער גאַנצער יאַם איז באַדעקט מיט שווימענדיקע קריִעס. די קריִעס האָבנ ארומגערינגלט דאָס שיפל אונ צוזאַמען מיט זיי איז דאָס שיפל פארטראָגנ געוואָרנ צו מײַרעוו. צוויי טעג האָבנ די קריִעס געטריבנ די שיפ איבערנ יאַם. צום סאָפּ האָבנ די מאַטראָסנ דערזענ פונוויַטנ ערד מיט שפּיציקע בערג.

— מיר זײַנען דאָך באַם אינדזל גרומאַנט! — האָט כימקאָוו א זאָג געטאָנ. — אָט ווו ס'האָט אונדז פארטראָגנ!

די יעגער זײַנען געווען אַזוי אויסגעמאַטערט פונעם שטורעם, אַז זיי האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פֿיס.

כימקאָוו האָט באַשלאָסן זיך אָפּשטעלן באַם אינדזל, לאָזן זײַנע כאַוויירים זיך אָפּרוען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אויפֿן אינדזל גרומאַנט פֿאַרבראַכט דעם ווינטער די מע־



די קריעס האָבן אַרומגערינגלט די שיף

זענער וואַלפֿיש־יעגער און האָבן דאָרטן אויסגעבויט אַ הײַזל. אַלע זײַ־נען שטאַרק צופֿרידן געווען מיטן באַשלוס זיך אָפּצושטעלן באַם אינדזל.

כימקאָוו האָט אָבער ניט געוווּסט גענוי, ווו עס געפֿינט זיך דאָס הײַזל פֿון די מעזענער וואַלפֿיש־יעגער, און דאָס אײַז האָט אויך ניט צוגעלאָזן די שיף נאָענט צום ברעג. צום ברעג איז נאָך געבליבן העכער אַ קילאָמעטער.

— נו, ברידער, — האָט כימקאָוו זיך געווענדט צו זײַנע כאַוויי־רים, — איר בלײַבט דאָ אויף דער שיף און איך נעם מיט זיך אַ מאַן דרײַ און וועל גיין צום ברעג, געפֿינען דאָס הײַזל. ווי נאָר מיר

וועלן עס געפינען, קערן מיר זיך אום צוריק צו אײַך, און דעמלט וועלן מיר ווי-ניט־איז זיך דורכשלאָגן צום ברעג.

כימקאָוו האָט מיטגענומען מיט זיך זײַן זון איוואַן און נאָך צוויי מאַטראָסן — סטעפּאַן שאַראַפּאָוו און פּיאָדער וועריגין. אַף יעדן פֿאַל האָבן זיי מיטגענומען מיט זיך אַ ביקס, פּולווער אַף 12 זאַלפּן, אַ האַק, אַ קליין קעסעלע, מעל, אַ מעסערל, אַ ביסל טאַבעק, אַ שטיינדל צו מאַכן פֿײַער, און האָבן זיך געלאָזן גיין צום אינדזל.

לאַנג זײַנען זיי געקראָכן איבערן אײַז, אויסגעמוטשעט אײַז-לעכער, און ענדלעך זיך דערקליבן צום ברעג. קיין איין ביימל, קיין קוסט, דורכויס שטיינער און שניי און אַף די ערטער, וואָס זײַנען פֿרײַ פֿון שניי — געקרײַזלטער מאָך.

אָפּגייענדיק אַ קילאָמעטער פֿיר פֿונעם ברעג, האָבן כימקאָוו מיט זײַנע באַגלייטער דערזען אַ האַלב-אײַנגעפֿאַלן הײַזל. באַם הײַזל - איז געלעגן צונויפֿגעלייגט אַ קופּע האָלץ. אַ מאָדנעם אײַנדרוק האָט גע־מאַכט די מענטשלעכע ווױנונג אַף אָט דעם טויטן אינדזל.

כימקאָוו איז אַרײַן אין שטיבל. אין איין ווינקל איז געשטאַנען אַ הרובקע, פֿון לײם געמאַכט, אין צווייטן ווינקל — נאַרעס.

סטעפּאַן שאַראַפּאָוו און פּיאָדער וועריגין האָבן געבראַכט האָלץ און האָבן אײַנגעהייצט די הרובקע. אין קעסעלע האָבן זיי אויפֿגעזאָדן וואַ-סער, פֿאַרמישט אַ פּאָר הײַפֿלעך מעל, אָפּגעגעסן דאָס געקעכץ, אָפּגערוט און זיך געלאָזן גיין צוריק צום ברעג.

— אָט וועלן מיר זיי דערפֿרייען, — האָט כימקאָוו געזאָגט, — די קראַנקע וועלן מיר באַזעצן אינעם שטיבל, און די געזונטע וועלן בלײַבן אַף דער שיף. מע וועט דאָ קאָנען אַ זוך טאָן, צי איז ניט כּדאַי דאָ נאָענט נעסטן פֿון יאַם־פֿערד און יאַם־הינט. מע וואָלט זיך פֿאַר־נומען מיט געיעג.

אַפֿן וועג האָבן די יעגער דערזען אַ הירש. אַמערסטן געפֿינען זיך הירשן אין דער טונדרע, אין מורמאַן און אין צאָפֿן-קאַנט, אָבער אַן אַנדערש מאָל טרעפֿט מען זיי אויך אַף די אינדזלען.

— זאָלן מיר עפּעס אונטערשיסן דאָס הירשל ? — האָט שאַראַפּאָוו אַ פֿרעג געטאָן באַ כימקאָוון.

— יאָ, ס'וואָלט ניט געשאַדט! איז לאָז זיך נאָר אַרונטער אין רוי, קעגניבער דעם הירש.

שאַראַפּאָוו האָט זיך געלאָזן לויפן צום רוי. א לאַנגע צײַט האָט מען גאָרנישט געהערט. נאָר פּלוצלינג האָט זיך אין דער שטילקײַט דערהערט א שאָס, און נאָכדעם — שאַראַפּאָװס ווײַסע־געשריי.

כימקאָוו, זײַן זון און ווערינג זײַנען אַראָפּ אין רוי און האָבן פֿונדערווײַטנס דערזען שאַראַפּאָוון. ער האָט צו זיי געפּאָכעט מיטן היטל. ניט ווײַט פֿון אים איז אָפּגעלעגן שניי געלעגן דער הירש.

אין א האַלב שעה אַרום האָט מען דעם הירש אָפּגעשונדן. דאָס פֿלייש האָט מען צעשניטן אויף פֿיר טיילן, אָנגעלאָדן אויף זיך און די יעגער האָבן זיך געלאָזט גיין צום ברעג.

איינגיכן זײַנען זיי אָנגעקומען צום סימען, וואָס זיי האָבן געמאַכט באַם ברעג, איידער זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אָפּן אינדזל זוכן דאָס שטיבל.

— כעווערע! ווו איז אַהינגעקומען אונדזער שיף? מע זעט זי דאָך ניט! — האָט כימקאָוו אויסגעשריגן מיט אַן אומרויִקער שטים.

ווו האָט זי געקאָנט אַהינקומען? — האָבן כימקאָווס באַגלייטער א פֿרעג געטאָן אַלע מיטאַמאָל.

קיין אײַז איז באַם ברעג אויך ניט געווען. עס האָט זיך, וואַרשײַנלעך אויפֿגעהויבן א מײַרעוודיקער ווינט, האָט אַוועקגעטראָגן דאָס אײַז און צוזאַמען מיט אים אויך די שיף. און עפּשער האָבן די קריעס צעבראָכן די שיף, און זי איז אַראָפּ צום גרונט...

## אַליין אין אײַז־מידבער

אָפּן יאַם איז ניט געווען קיין סימאָנים פֿון דער שיף. די יעגער זײַנען געווען פֿאַרצווייפֿלט. לאַנג זײַנען זיי געשטאַנען באַם ברעג און אָן האָפֿענונג געקוקט אין דער נעפּלדיקער ווײַטקײַט.

— וואָס וועט זײַן? — האָט שאַראַפּאָוו א פֿרעג געטאָן.

— מיר וועלן מוזן בלײַבן אָפּן אינדזל, ביז עס וועט אַראָפּקומען אַהער, אַ אונדזער גליק, וואָסער־עס־איז א יאַגד־שיף, — האָט כימקאָוו געענטפֿערט. — נאָר זעלטן ווען זיי קומען אַהער, — האָט ער צוגעגעבן.

— נו, ברידער, ניטאָ וואָס צו טרויערן, — האָט פֿיאָדער ווערי-

גיכ מונטער א זאָג געטאָנ, — וועלנ מיר לעבנ דאָ, מיר וועלנ ניט שטארבנ, האָפנטלעכ.

— אָט האָסטו דיר אנ ארבעט! — האָט געזאָגט דער אלטער כימ־קאָוו אונ בייז א שפּײַ געטאָנ.

— יאָ, ווײַזט אויס, אז מע דארפ זיכ אײַנאָרדענענ אפ דער נײַער דירע, — האָט דער יונגער כימקאָוו געפּרוּווט שפּאסנ.

אָבער קיינעמ איז קיינ שפּאס ניט אָנגעגאנגענ. יעדערנ איז אפנ הארצנ ניט הײַמלעכ געווענ. ס'איז געגאנגענ צו הארבסט-צו. ס'איז שווער געווענ צו האָפנ, אז אינ אזא צײַט וועט אפנ ווײַטנ גרומאנט קומענ וואָסער-עס־איז א יאגד־שיפל.

פארזאָרגטע, זײַנענ זיי אלע פיר אוועק צוריק אינ שטיבל ארײַנ.

די ערשטע נאכט אפנ וויסטנ אינדזל האָבנ זיי פארבראכט שלעכט. זיי האָבנ קיינער קימאט קיינ אויג ניט צוגעמאכט. יעדערער איז גע־ווענ פארזונקענ אינ שווערע געדאנקענ.

באגינענ האָט כימקאָוו אויפגעוועקט זײַנע כאווײרימ אונ געזאָגט צו זיי:

— מע דארפ זיכ גרייטנ צו פארברענגענ דאָ דעמ ווינטער. מע טאָר קיינ צײַט ניט פארלירנ. פריִער פונ אלצ דארפ מענ אָנגרייטנ וואָס מער הייצונג. אפנ ברעג איז פאראנ שווימ־האָלצ [1], מע דארפ אָנ־קלײַבנ וואָס מער האָלצ, אניט וועלנ מיר ווינטער פארפרוירנ ווערנ. אונ דערנאָכ וועט מענ דארפנ זאָרגנ וועגנ עסנווארג.

אלע פיר זײַנענ אוועק צומ ברעג קלײַבנ האָלצ. אלע פיר האָבנ זיכ גענומענ שלעפנ קלעצער צומ שטיבל. צו דער ארבעט פלעגנ זיי ארויסגיינ יעדנ טאָג, אונ סטעפּאנ שאראפּאָוו פלעגט אמאָל אוועק אפ געיעג נאָכ הירשנ. אימ האָט זיכ אײַנגעגעבנ צו דערהארגענענ 10 הירשנ. דאָס הירשנ־פלייש האָבנ זיי באגראָבנ אינ שניי אונ פונ די פעל האָבנ זיי געמאכט פאר זיכ ווארעמע שטיוול אונ קאָלדרעס.

אינגיכנ איז ארויסגעגאנגענ דער גאנצער פולווער. גיינ אפ יאגד איז ניט געווענ מיט וואָס. א ליידיקע ביקס שיסט ניט. אלע זײַנענ געווענ פארזאָרגט.

1 שווימ־האָלצ, ווערט אָנגערופנ געהילצ — ברעטער, בראָכשטיקער פונ צעבראָכענע שיפנ, קלעצער אונ ביימער, וואָס ווערנ ארויסגעוואָרפנ אפנ ברעג יאמ.

— וואָס זשע וועט זײַן? — האָט שאַראַפּאָוו אַ פֿרעג געטאָן.

— מיר וועלן שוין ווי-עס־איז דורכלעבן, — האָט געענטפֿערט כימקאָוו, — קאַבצאָנים האָבן אַ רײַכע פֿאַנטאַזיע.

צופֿעליק האָבן זיי געפֿונען באַם ברעג אַ ברעט מיט אַ העקל און מיט עטלעכע גרויסע טשוועקעס. דאָס העקל האָבן זיי אויסגענוצט אָנשטאָט אַ האַמער, האָבן מיט אים פֿלאַטשיק געמאַכט די טשוועקעס און פֿון די פֿלאַטשיקע טשוועקעס האָבן זיי אויסגעריכט שפּיזן. מיט די שפּיזן האָבן זיי זיך געלאָזט אין וועג נאָך אײַז־פֿוקסן.

עס איז אָנגעקומען דער כּלידעש אווגוסט. עס האָבן זיך אָנגעהויבן פֿרעסט, שנייען. עס האָט זיך געשטעלט דער ווינטער. ס'איז אַריבער אַ טאָג פֿאַר אַ טאָג. אינגיכן זײַנען די קורצע טעג אויך פֿאַרבײַ. ס'איז אָנגעקומען די דורכויסיקע נאַכט.

— דאָ קען מען פֿאַרגעסן אַלע יאָנטויוויים און פֿאַרלירן דעם כעושבן פֿון דער צײַט, — האָט אַמאָל אַ זאָג געטאָן וועריגין.

— וואָס פֿאַר אַ יאָנטויוויים קאָנען דאָ זײַן! — האָט אים כימקאָוו אָפּגעענטפֿערט.

וועריגין האָט אָבער אַ קלער געטאָן וועגן מאַכן אַ קאַלענדאַר. אָפּ אַ שטעקן האָט ער געמאַכט מיט אַ מעסער צייכנס, און יעדן זיבעטן צייכן האָט ער געמאַכט ברייטער, איידער די איבעריקע. אָט די ברייטע צייכנס האָבן עס באַטײַט די „זונטיקס“.

— אַן אומזיסטע מיטשע, פֿיאָדער, — האָט כימקאָוו באַמערקט, זעענדיק ווי וועריגין מײַסטערט זײַן „קאַלענדאַר“. — מיר האָבן דאָך שוין איצט אַפֿילו פֿאַרגעסן דעם כעושבן פֿון די טעג. און ווי־אַזוי וועסטו פֿאַרצייכענען אָפּ דײַן קאַלענדאַר די טעג, אַז ביז מאָרגן וועט זײַן דורכויס נאַכט?

— אָט אַזוי. ווי נאָר מיר וועלן זיך לייגן שלאָפֿן, וועל איך אָפּן צייכן לייגן אַ קרייץ, וועט עס הייסן, אַז דער טאָג איז אַריבער.

— נו, מאַך, מאַך.

איינמאָל איז אַ כײַע אַליין געקומען צו די יעגער. אינמיטן דער נאַכט האָט זיך הינטער דער דרויסנדיקער טיר דערהערט אַ שאָרך. אינגיכן האָט זיך די טיר געעפֿנט ברעכן. עמעצער האָט זיך געשפּאַרט אין שטוב אַרײַן.

— דאָס איז א בער, כאַווייריִם, — האָט א זאָג געטאָן כימקאָוו, — נעמט זיך גיכער פאַר די שפּיזן.

אַלע זייַנען אופגעשפּרונגען פון די געלעגערס, האָבן געכאַפּט די שפּיזן, און כימקאָוו אַליין האָט גענומען די האַק.

— נו, יאַטן, ניט צעגענעצט! ווי נאָר דער בער וועט אַרייַנרוקן זייַן קאָפּ אין טיר, דערשטעכט אים מיט די שפּיזן. סטאַרעט זיך אַרייַנצוטעכן זיי טיפער אין האַלדז אַרייַן.

— מיר וועלן זיך סטאַרען.

כימקאָוו האָט געמאַכט פייַער אין הרובקע, קעדיי עס זאָל ווערן ליכטיק אין שטוב. אַלע האָבן זיך געשטעלט בא דער טיר. דער בער איז שוין געווען אין פאָרהויז. ער האָט דערטאַפּט די טיר און גענומען עפענען זי מיט די לאַפּעס. אין א מינוט אַרום האָט זיך א האַלבער בערן־קאָפּ אַרייַנגעשטעקט אין טיר. דרייַ שפּיזן האָבן זיך מאָמענטאַל אַרייַנגעשטאָכן אין דעם בערס קאָפּ. כימקאָוו האָט גלייַך גענומען האַקן דעם ‹בער מיט דער האַק אין קאָפּ אַרייַן.

דער בער האָט זיך ניט געריכט אף אזא באַגעגעניש און האָט זיך אין דער ערשטער מינוט דערשראָקן, אָבער דערנאָך האָט ער זיך אַרייַנגעריסן אין שטוב. אַלע דרייַ שפּיזן זייַנען צעבראָכן געוואָרן און דער בער האָט זיך אַרופגעוואָרפן אף סטעפּאַן שאַראַפּאָוו. אָבער כימקאָוו האָט אויך ניט געדרעמלט. ער האָט זיך אַרופגעוואָרפן אפן בער פון הינטן אַרום און מיטן גאַנצן שווונג אים צעשפּאָלטן דעם שאַרבן מיט דער האַק. דער בער איז אַנידערגעפאַלן, און די יעגערס האָבן אים דערענדיקט.

— אָט דאָס איז א גאַסט, — האָט כימקאָוו א זאָג געגעבן, אָפּווישנדיק דעם שווייס פון שטערן.

— ס'איז גוט, וואָס דו האָסט צו דער צייַט געפּלעט דעם בער דעם מויעך, — האָט סטעפּאַן געזאָגט, — ער האָט מיך געהאַט גוט פאַרקלעמט.

— נו, זייַנען מיר שוין איצט מיט בערן־פלייש אויך באַזאָרגט, — האָט פיאָדער וועריגין געזאָגט מיט א שפּאַס.

דעם בער האָט מען אָפּגעשונדן, אָפּגערייניקט די פעל. דאָס פלייש האָט מען צעשניטן אף שטיקער. שנייַדנדיק דאָס פלייש, האָבן

די יעגער באמערקט, אז דעם בערס אָדערנ זײַנענ זייער פעסטע און זיי כיילנ זיכ לײַכט אפ באזונדערע פעדעם.



כימקאָח און זײַנע כאווירים אפנ גלעצ

— פונ די בערישע אָדערנ קאָנ מענ דאָכ מאכנ בענדער פאר א בויגנ, — האָט דער יונגער כימקאָוו׳ זיכ געכאפּט.
— עמעס, — האָט אים זײַנ פאָטער געענטפערט.

דער פאל מיטנ בער איז פאר אלעמענ געווענ א מינ יאָנטעוו, אלע פיר זײַנענ פריילעכער געוואָרנ.

ס'איז אָנגעקומענ דער פּאָליארישער ווינטער. מעסלעסנ לאַנג האָט געהערשט א פינצטערניש. גײנ אפ געיעג איז געווענ אומעג־לעכ. עס זײַנענ געשטאנענ אזעלכע פרעסט, אז ס'האָט אויש דעם אָטעם פארכאַפּט. די אומגליקלעכע יעגער זײַנענ קימאט די גאנצע צײַט געזעסנ אינ שטוב. זיי האָבנ ארומגעשאָטנ די שטוב מיט שניי פונ אלע זײַטנ, אז דער ווינט זאָל ניט ארויסציִענ די וואַרעמקײַט. ווענ די הרובקע האָט זיכ ניט געהייצט, איז אינ שטוב געווענ שטאָק פינצטער. זײַנענ זיי אלע פיר אזוי געלעגנ אינ דער פינצטער אפ זייערע געלעגערס, אײַנגעהורעט אינ הירשנ-פעל.

אלע האָבנ געבענקט נאָכ די אייגענע. זיי האָבנ געצווייפלט, צו וועלנ זיי נאָכ אמאָל קומענ אהיים. אינ קאָפּ זײַנענ געקראָכנ ניט קיינ היימ־לעכע געדאנקענ. א טיפע בענקשאפט האָט אלעמענ ארומגענומענ.

קיינער האָט ניט געוווסט, וויפל כאדאָשימ זיי וווינענ שוינ אפנ אינדזל. קיינ זייגער האָבנ זיי ניט געהאט. אינ יענער צײַט זײַנענ זייגערס ביכלאל געווענ א זעלטנקײַט. די זונ האָט זיכ אפנ הימל ניט באוויזנ. ארומ אונ ארומ איז געשטאנענ א דורכויסיקע נאכט, ס'איז זיי קיינ זאכ ניט געבליבנ, אויסער — ליגנ אונ שלאָפנ. אז עס פלעגט עמעצנ דערעסנ צו ליגנ, פלעגט ער אופשטיינ, אײַנהייצנ די הרובע, אָפּקאָכנ מיטיק. נאָכ מיטיק פלעגט מענ זיכ ווידער לייגנ, אזוי איז געגאנגענ די צײַט.

איינמאָל איז סטעפאנ שאראפאָוו ארויס אינ דרויסנ זיכ אויס־לופטערנ. אינ א מינוט ארומ איז ער ארײַנגעלאָפנ אינ שטוב.

— כאווירימלעכ, אינגיכנ וועט זיכ באווײַזנ די זונ. אפנ מיז־רעכ האָט גענומענ באגינענ...

אלע זײַנענ ארויסגעלאָפנ פונ שטוב אונ גענומענ קוקנ אפנ מיזרעכ. אונ אינ דערעמעסנ, אפנ מיזרעכ איז דער פינצטערער הימל געווענ עטוואָס העלער, איידער אינ אנדערע ערטער.

יעדנ טאָג האָבנ זיי גענומענ באמערקנ, ווי דער הימל ווערט אינ מיזרעכ העלער. ענדלעכ האָט זיכ איבערנ יאם באוויזנ א פעצ־נעצל זונ. אָבער אינ עטלעכע מינוט ארומ איז די זונ פארגאנגענ, אונ אינעם אײַז-מידבער איז ווידער געוואָרנ כושעכ.

אם מאָרגן האָט זיך שוין אפּגעזאָגט באַוויזן א האַלבע זון, און נאָך אין א פּאָר טעג ארום האָט זיך שוין די זון אופגעהויבן גאַנץ הויך אין הימל און איז דאָרטן געשטאַנען א היפּשע צייַט.

— נו, טייַערע, האָבן מיר שוין דעם ווינטער אויך דורכגע־מאַכט — האָט כימקאָוו א זאָג געטאָן.

טרערן האָבן זיך אַלעמען געשטעלט אין די אויגן. זיי האָבן זיך געוואָרפן איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס.

אָבער קיינער פון זיי האָט ניט געוווּסט, וואָסער כווידעש עס גייט און וויפל צייַט זיי האָבן פאַרבראַכט אפן אינדזל.

מיט יעדן טאָג האָט זיך די זון אפן הימל אופגעהויבן אַלץ העכער, און ווו די זון האָט געשייַנט, האָט דער שניי געגומען צעגיין. אף די ערטער, וואָס זייַנען געוואָרן פרייַ פון שניי, האָט זיך אינגיכן געגומען באַוויַיזן מאָך.

אפן אינדזל זייַנען געקומען צו פליִען גענדז און יאַם־ענטלעך. עס האָבן אָנגעהויבן ארומלויפן אייַז־פיקסלעך. כימקאָוו און זייַנע כאַווײרים האָבן אָנגעהויבן גיין אף געיעג.

אויסער שפּיזן האָט סטעפּאַן שאַראַפּאָוו נאָך געמאַכט א בויגן. אפן יאַם־ברעג האָט ער געפונען א וואָרצל פון א יעגלע. ער האָט אים באַאַרבעט מיטן מעסער און די בענדער האָט ער געמאַכט פון די בערישע אָדערן. זיי האָבן אויך געמאַכט פייַלן מיט שאַרפע שפּיצן פון פאַרפייַלטע טשוועקעס. מיט אַזעלכע פרימיטיווע געווער האָט זיך זיי אייַנגעגעבן צו דערהאַרגענען עטלעכע הירשן און דרייַ אייַז־פיקסן. דאָס פרישע הירשן־פלייש האָט פאַרשטאַרקט זייערע קרעפטן און זיי האָבן ווידער גענומען אופקלייַבן שווים־האָלץ אפן ברעג. אינעם לאַנגן ווינטער האָבן זיי פאַרברענט א רעכט ביסל האָלץ.

מיט האָפענונג האָבן זיי גענומען קוקן אפן יאַם, וואָס האָט גענומען באַפרייַען זיך פונעם אייַז. זיי האָבן יעדן טאָג געוואַרט, צי וועט זיך אפן יאַם ניט באַווייַזן א יאַגמ־שיף, מע זאָל קאָנען געבן א סיגנאַל ווענן זיך.

טעג זייַנען געגאַנגען איינער נאָך אַנדערן, קיין שיפן אָבער האָבן זיך אפן יאַם ניט באַוויזן. אַזוי איז אריבער אין אומזיסטן וואַרטן דער גאַנצער זומער. די זון איז ווידער פאַרגאַנגען. עס האָבן זיך ווידער אָנגע־הויבן פרעסט און שניי־ווינטן. ס'איז אָנגעקומען דער צווייטער ווינטער.

אין בענקשאפט און אומעטום האָבן זיך די פיר אומגליקלעכע יעגער וו׳דער פארשפארט אין זייער כורווע אפ א צווייטן לאנגן פינצטערן פאָליאר-ווינטער.

## דאָס צווייטע מאָל ווינטערן

דאָס צווייטע מאָל ווינטערן אפן אײַז־אינדזל איז געווען פונקט אזוי אומעטיק און לאנגווײַליק, ווי דאָס ערשטע מאָל. זייער איינציקע פארווײַלונג איז געווען — קוקן ווי עס שפּילט די צאָפן־שײַן.

די צאָפן־שײַן קאָן מען זען נאָר אפן צאָפן. אין דער לאנגער פינצטערער נאכט אין די צאָפן־לענדער באווײַזט זיך אין הימל פלוצלינג א מערקווירדיקע שײַן. צוערשט ציגדט זיך די שײַן אָן אפן ראנד פון הימל, דערנאָך הייבט זי זיך אופ אלץ העכער און העכער. שפּעטער באווײַזט זיך אפן הימל א גרויסער פארשיידנפארביקער רעגנבויגן. פינקלט פארביק דער רעגנבויגן, ווי דער ווינט וואָלט אים געפלאטערט. דערנאָך ווערט ער צעריסן, און איבעריגע הימל הייבן זיך אָן טראָגן גרויסע זײַלן אָדער פאסן. דעמלט דוכט זיך, אז דער גאנצער הימל ברענט און די טרייפע ווארפט זיך אריבער פון איין אָרט אפ א צווייטן. נאָר אין א מינוט צוואנציק ארום ווערט די שײַן אין הימל אויסגעלאָשן, ווידער קומט אָן די כוישעכדיקע נאכט און אפן הארצן ווערט נאָך טרויעריקער.

כימקאָוו האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנצורײדן, זיי זאָלן וואָס ווייניקער ליגן. זיי האָבן געמאכט א לאָמפּ, וואָס האָט געברענט מיט הירשן־פעטס. דער לאָמפּ איז געמאכט געוואָרן פון א קליינ ליימשאָלכל, וואָס פיאָטער ווערינג האָט אויסגעקליבן. פון א שמאָטקע האָבן זיי אויסגעפלאָכטן א קנויט. ווען דאָס פײַער אין הרובקע פלעגט אופהערן באלײַכטן דאָס צימער, פלעגט מען אָנצינדן דעם לאָמפּ, און דאָס טונקענע פלעמל פלעגט באלויכטן די נעבעכדיקע הײַזקע. זיצנדיק ארום לאָמפּ, פלעגן זיך אלע סטארען עפּעס וואָס צו טאָן — מאכן פאָדעם פון בערישע אָדערן, נאָדלען פון ביינער, אָדער טשוועקעס.

פארן יאָר זײַנען די קליידער און די שיך בא אלע פיר געוואָרן שטארק אָפּגעטראָגן. האָבן זיי געמוזט נייען זיך קליידער פון הירשן־פעל.

דעם ערשטן ווינטער האָט קיינער פון די פיר ניט געקרענקט. אָבער איצט איז קראַנק געוואָרן פריִער איוואַן כימקאָוו דער יונגער, און דערנאָך פיאָדער ווערעגין. דער יונגער כימקאָוו איז אינגיכן געזונט געוואָרן, נאָר ווערעגין האָט אָנגעהויבן צערן.

ער איז קראַנק געוואָרן אויף סקאָרבוט. די איינוווינער פון די פּאָל[illegible]דער ליידן אָפט פון סקאָרבוט. די קרענק הייבט זיך אָן פון דער[illegible] וואָס דעם מענטשן נעמט אָן א שלאָפקייט. עס ווילט זיך קעסיידער ליגן. דערנאָך הייבן זיך אָן ווייטיקן אין די געלענקען. דאָס גאַנצע בלוט אין קערפּער ווערט פאַרדאָרבן. פון מויל שלאָגט א שלעכטער גערוך. די יאַסלעס ווערן געשוואָלן, בלוי און פון זיי הייבט אָן רינען טונקל בלוט. דאָס פּאָנעם ווערט אָנגעפּויפט, די פיס ווערן געשוואָלן און באַדעקט מיט וווּנדן און אינגיכן שטאַרבט דער קראַנקער. סקאָרבוט קומט פון שלעכטער און ניט פרישער שפּייז.

אינגיכן איז פיאָדער ווערעגין אַזוי אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז ער האָט ניט געקאָנט אַרומגיין. ער איז קעסיידער געלעגן און געקרעכצט פון ווייטיק. אין א פּאָר וואָכן אַרום איז ער געשטאָרבן. פיאָדאָרס טויט האָט געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק אויף אַלע איבעריקע. יעדער האָט וועגן זיך געטראַכט, אַז אים איז עפּשער אויך באַשערט דאָס זעלביקע.

פאַרומערטע, באַוויינענדיק פיאָדערס טויט, האָבן זיי נעבן שטוב אויסגעגראָבן אין שניי א גרוב און דאָרטן באַהאַלטן פיאָדערס קערפּער. נידערגעשלאָגענע, האָבן זיי זיך אומגעקערט זאַלבעדריט פון דער לעווייע אין שטוב אַריין. אָן פיאָדערן איז זייער געמיט נאָך שווערער געוואָרן.

פאַר די איבעריקע איז אָבער דער צווייטער ווינטער בעסער דורכגעגאַנגען. דער אַלטער כימקאָוו האָט אויך א ביסל געקרענקט, אָבער ער איז גיך געזונט געוואָרן. אינגיכן איז ווידער געקומען דער פרילינג. עס זיינען ווידער געקומען צו פליִען די פייגל. אויפן יאַם האָבן זיך באַוויזן די יאַם־כייעס. אַלע האָבן ווידער גענומען קוקן יעדע ווייַלע אויפן יאַם, גיין אויף געיעג און קלייבן שווים־האָלץ, דאָס לעבן איז זיך געגאַנגען ווי געוויינלעך. מע האָט ווידער גענומען וואַרטן אויף א שיף. אָבער דעם צווייטן זומער איז אויך קיין שיף ניט געקומען. די יעגער האָבן זיך

שוינ גענומענ גרייטנ צום דריטנ ווינטער. אינ האָרעוואַניע און אינ געיעג איז אונבאַמערקט אַדורכ דער קורצער זומער. די זונ האָט זיכ ווידער באַהאַלטנ אַפ אַ גאַנצנ האַלבּיאָר. עס האָבנ זיכ ווייטער אָנגעהויבנ שטורעמס און פרעסט. יעדערער פונ די דריי יעגער האָט באַ זיכ געטראַכט, זעענדיק, ווי די זונ פאַרגייט אַפ ווינטער: „צי איז מיר נאָכ באַשערט צו זען אַמאָל די העלע זונען־שיינ?"

## גערעטעוועט פונ דער אייז־געפענקעניש

עס איז דורכ נאָכ אַ ווינטער, און נאָכ אים — אַ דריטער זומער, און ווידער זומער און אַ ווינטער, — אַ פערטער, פינפטער, אַ זעקסטער. ווינטער פלעגט אַפנ אינדזל גאַנצע וואָכנ בושעווענ אַ שטורעם. די יעגער פלעגנ ניט אַרויסגיינ אינ דרויסנ. ווינטער־צייט פלעגט דער שניי אַזוי פאַרשיטנ דאָס שטיבל, אַז אינ פרילינג פלעגנ זיי קוים־קוים באַפרייענ עס פונ שניי.

די דריי יעגער האָבנ איינזאַם געלעבט צווישנ אייז און שניי. יעדנ זומער פלעגנ זיי מיט האָפענונג אַרויסקריכנ פונ זייער שטיבל און קוקנ אַפנ ים — צי וועט זיכ דאָרטנ ניט באַווייזנ עפּעס אַ שיפ. אַפ יעדנ פאַל האָבנ זיי אַפ אַ הויכ בערגל צעלייגט אַ שייטערהויפנ. דער עלטער כימקאָוו האָט אָנגעזאָגט זיינ זונ און שאַראַפּאָוונ: ווי נאָר אַפנ ים וועט זיכ באַווייזנ אַ זעגל־שיפ, זאָלנ זיי טייקעף אָנצינדנ דעם שייטערהויפנ, דערפונ וועלנ די שיפלייט זיכ דערזעענ, אַז אַפנ אינדזל געפינענ זיכ לעבעדיקע מענטשנ.

אָבער אַ זומער איז אַוועק נאָכ אַ זומער, און קיינ שיפ איז צום אינדזל ניט צוגעשווומענ. די אומגליקלעכע יעגער האָבנ געפילט, ווי מיט יעדנ יאָר ווערנ זייערע קויכעס אָפּגעשוואַכט. זיי האָבנ שוינ פאַרלאָרנ די האָפענונג צו זענ ווענ עס איז זייער היים. יעדערער האָט געטראַכט וועגנ זיכ, אַז אים איז באַשערט צו שטאַרבנ אַפ דעם אייז־אינדזל, און דער אינדזל וועט זיינ זיינ קייווער. דאָס געזונט איז זיי אויסגעגאַנגענ. העכער פינפ יאָר האָבנ זיי קיינ ברעקל ברויט ניט געזעענ, און האָבנ זיכ געשפייזט בלויז מיט הירשנ־און בערנ־פלייש. זיי זיינענ אַלע באַוואַקסנ געוואָרנ מיט

האָר, ווי כײַעס, און זײַנען אינגאַנצן פֿאַרווילדעװעט געוואָרן.
עס איז אָנגעקומען דער זיבעטער זומער. זיי האָבן ווידער גע־נומען קלײַבן שווים־האָלץ. כאָטש קיינער האָט שוין קימאַט ניט געגלייבט זיך צו באַפֿרײַען פֿון אײַז־געפֿענקעניש, האָט זיך פֿונ־דעסטוועגן יעדער געסטאַרעט וואָס לענגער צו פֿאַרברענגען אויפֿן ברעג. בײַ יעדערן האָט דאָך געטליִעט אַ האָפֿענונג, אַז אָט־אָט וועט זיך אויפֿן יאַם באַווײַזן אַ שיף, וועט זי אַראָפּנעמען פֿון אינדזל, און זיי וועלן קומען אַהיים.
עס זײַנען ווידער דורכגעגאַנגען פֿיל טעג, און דער יאַם איז געווען וויסט. דער זומער האָט שוין ווידער געהאַלטן באַם ענדיקן זיך, און די יעגער האָבן זיך שוין גענומען גרייטן צו אַ נײַעם ווינטער. האָט זיך אָבער פּלוצלינג אויפֿן יאַם אינדערווײַטן באַוויזן עפּעס אַ שיף. דער ערשטער האָט זי דערזען סטעפּאַן שאַראַפּאָוו. זיך פֿאַרלאָרן פֿון פֿרייד, איז סטעפּאַן געלאָפֿן אין שטוב אַרײַן, אָנזאָגן די גוטע בשורה די ביידע כימקאָווס, דעם פֿאָטער און דעם זון.
— אַ שיף! אַ שיף! — איז ער אַרײַנגעלאָפֿן אין שטוב מיט אַ געשריי.
— גיכער צינד אָן דעם שײַטערהויפֿן אויפֿן ברעג! — האָט דער אַלטער כימקאָוו אַ געשריי געטאָן צו זײַן זון.
אין אַ מינוט אַרום האָט אויפֿן ברעג געברענט אַ שײַטערהויפֿן, און אַ הויכער זײַל רויך האָט זיך פֿון שײַטערהויפֿן אויפֿגעהויבן אין הימל אַרײַן.
אַלע דרײַ האָבן אונטערגעוואָרפֿן האָלץ אין פֿײַער און האָבן גיריק געקוקט אויפֿן יאַם, וווּ אינדערווײַטן איז געשוווּמען אַ שיף. „וועלן זיי באַמערקן אונדזער שײַטערהויפֿן צי ניט? וועלן זיי פֿאַרקערעווען נאָך אונדז אָדער זיי וועלן אונדז איבערלאָזן אויפֿן אײַגענעם באַראָט?" — האָבן די יעגער געטראַכט בײַ זיך.
סטעפּאַן שאַראַפּאָוו האָט געהאַט אַ גוטע ריִע, און פּלוצלינג האָט ער דערזען, ווי די שיף האָט אַ קערעווע געטאָן צום אינדזל. אין אַ האַלב שעה אַרום האָט מען שוין געקאָנט דערקענען אויף דער שיף מענטשן. פֿון דער שיף האָט מען אַראָפּגעלאָזט אַ רו־דער־שיפֿל. אין אייניקע מינוט אַרום איז דאָס רודער־שיפֿל שוין געווען באַם ברעג.

— ווער זײַט איר? — האָט זיך דער הערט א געשריי פונעם שיפֿל.
— מיר זײַנען ארכאנגעלסקער יעגער, ראטעוועט אונדז!
דאָס שיפֿל האָט זיך אָנגעשטויסן מיטן שפּיץ אָן ברעג, און אפֿן ברעג איז ארויסגעשפּרונגען דער לאָצמאַן.
— ווי קומט איר אהער?
— עס איז צו לאַנג צו דערציילן, מיר וועלן שפּעטער דערציילן, נעמט אונדז נאָר מיט מיט זיך, — האָבן אָפּגעענטפֿערט, די דרײַ יעגער, אָנגעטאָנענע אין הירשן־פֿעל, קימאט וויינענדיק פֿון פֿרייד.
— נו, זאָל זײַן אזוי, זעצט זיך אין שיפֿל. אפֿ דער שיף וועט איר דערציילן, וואָס מיט אײַך האָט פּאסירט, — האָט געזאָגט דער לאָצמאַן.
— אָבער מיר האָבן דאָ עפּעס אייגנס, — האָט כימקאָוו א זאָג געטאָן, — עס וואָלט זיך געוואָלט דאָס מיטנעמען מיט זיך.
נו, רעכט, מיר וועלן עס אויך מיטנעמען.
פֿון שטוב האָט מען גענומען ארויסטראָגן פֿעלן פֿון הירשן, בערן און פֿוקסן און שטיקלעך הירשן־שמאלץ. סאכאקל בא 200 פֿעלן און א פּוד זעכציק שמאלץ.
זיי האָבן אויך גענומען מיט זיך דעם בויגן, די פֿײַלן, די שפּיזן, די יאגד־שפּיזן און ביין־נאָדלען — אלץ, וואָס זיי האָבן אויסגעארבעט, לעבנדיק אפֿן אינדזל.
— איר האָט דאָ אָנגעזאמלט א סאך גוטס, — האָט דער לאָצמאַן געזאָגט, — מיט אייגנאָל וועט מען עס ניט קאָנען ארויספֿירן.
— זעקס יאָר האָבן מיר דאָך דאָ פֿארבראכט, — האָט כימקאָוו געענטפֿערט.
— וואָס הייסט 6 יאָר? — האָט דער לאָצמאַן געזאָגט פֿארוואונדערט.
יאָ, גאנצע 6 יאָר. מיר האָבן זיך שוין געקליבן שטארבן דאָ און אָט זײַט איר אראָפּגעקומען... און אונדז געראטעוועט.
אַלע פֿעלן און דאָס שמאלץ האָט מען אָנגעלאָדן אין שיפֿל און די דרײַ יעגער האָבן געטומען זיך געזעגענען מיט זייער אײַז־ספּיסע, ווו זיי האָבן אָפּגעלעבט גאנצע זעקס לאנגע יאָר.
זיי זײַנען אוועק צו פֿיאָדער ווערינינס קייוועך.
— אדיע, פֿעדיא, — האָט כימקאָוו מיט טרערן אין די אויגן אָנגעהויבן ריידן. — פֿון אונדז אלעמען ביסטו געווען דער ייִנגסטער, און ס'איז דיר ניט באשערט געווען זיך אומצוקערן צוריק אהיים... אדיע!

די זעגל־שיף, וואָס האָט געראַטעוועט די דרײַ אומגליקלעכע יע־גער, האָט געהערט צו איינעם אַן אַרכאַנגעלסקער סוחר. די שיף האָט זיך אומגעקערט פון דעם אינדזל „נאָוואַיאַ זעמליאַ“ קיין אַרכאַנגעלסק. אָבער דער ווינט האָט זי פאַרטראָגן צו שפּיצבערגען. דאַנק דעם זײַנען די אַרכאַנגעלסקער יעגער געראַטעוועט געוואָרן.

אויסגעהערט, וואָס כימקאָוו און שאַראַפּאָוו האָבן דערציילט, האָט דער באַלעבאָס פון דער שיף געזאָגט:

— נו, און פאַרן צושטעלן אײַך אין אַרכאַנגעלסק וועט איר מיר אוועקגעבן אַ העלפט פעלן און שמאַלץ, וואָס איר האָט אָנגעקליבן.

— נעם כאָטש צו איננאַנצן, שטעל אונדז נאָר צו אַהיים, — האָבן אַלע דרײַ פאַרגעליינט.

— נו, רעכט. איר וועט מיר באַצאָלן פאַרן פאָרן 80 רובל.

דעם 28־טן סעפּטעמבער 1749 איז די זעגל־שיף אָנגעקומען קיין אַרכאַנגעלסק.

די נײַס, אַז אויף דער שיף זײַנען געקומען צו שווימען דרײַ מאַן, וואָס האָבן זעקס יאָר פאַרבראַכט אויפן אינדזל גרומאַנט, האָט זיך גיך פאַרשפּרייט איבערן שטאָט. אין האַפן האָבן זיך פאַרזאַמלט אַ סאַך מענטשן.

כימקאָוו און שאַראַפּאָוו האָבן דערקענט זייערע באַקאַנטע. אַלע האָבן זיך אַרומגענומען, געוויינט און באַגריסט מיט דער רעטונג. די אַלטע כימקאָווע, אַז זי האָט דערהערט, אַז עס זײַנען געקומען איר מאַן און זון, וואָס זײַנען מיט זעקס יאָר צוריק פאַרפאַלן געוואָרן, איז אויך געקומען צו לויפן אין האַפן.

דערזעענדיק איר מאַן און איר זון, וואָס זײַנען געשטאַנען אויף דער שיף, האָט זי זיך געוואָרפן איבער דעם בריקל אויף דער שיף, האָט זיך אויסגעגליטשט און איז אַרײַנגעפאַלן אין וואַסער און איז שיער ניט דערטרונקען געוואָרן.

גאַנץ אַרכאַנגעלסק איז שטאַרק איבערגעוועקט געוואָרן. כימקאָוו אין הויז, יעדער האָט געוואָלט אַ קוק טאָן, ווי זעט אויס אַ מענטש, וואָס האָט גאַנצע זעקס יאָר פאַרבראַכט אויפן אינדזל גרומאַנט אין קעלט און פינצטערניש.

מיט כימקאָווען און שאַראַפּאָוון האָט זיך פאַראינטערעסירט דער גו־בערנאַטאָר. ער האָט אַלע דרײַען אַרויסגערופן צו זיך און זיי געצוווּנ־

גען צו דערציילן וועגן זייער לעבן אפן אינדזל. די דערציילונג איז געווען אזוי אינטערעסאנט, אז דער גובערנאטער האט באשלאסן אוועק-צושיקן כימקאָווע מיט זײַן זון קיין פעטערבורג.

אין פעטערבורג זײַנען די כימקאָווס געווען אין דער וויסנשאפט-אקאדעמיע, האבן דערציילט די געלערנטע וועגן אלע זייערע פאסי-רונגען, וועגן דער נאטור פון די קאלטע לענדער. אָבער די דעמאלטיקע רוסישע געלערנטע האבן זיך ניט שטארק פאראינטערעסירט מיט דער דערציילונג, זיי האבן אפילו ניט אויסגעהערט, וואָס די כימקאָווס האבן דערציילט. נאָר א פראנצויזישער געלערנטער, וואָס האט דעמאלט געוווינט אין פעטערבורג, האט גענוי פאנאנדערגעפרעגט די כימקאָווס וועגן זייערע פאסירונגען און האט אלץ גענוי פארשריבן און שפעטער אָפגעדרוקט אין פאריז.

איצט האט זיך א סאך וואָס געענדערט אפן ווײַטן צאָפן. עמעס, די פּאָלארע נאכט בלײַבט נאָך אלץ אזא הארבע, ווי געווען. די אינדזלען פונעם אײַז-יאם זײַנען באדעקט מיט אײַז און שניי. אפן יאם גופא שווימען אײַז-בערג. אָבער בא דער ראטנמאכט לעבט אויף אויך דער בײַזער הארבער צאָפן. די ראטנמאכט אָרדנט איצט אײַן אין די פּאָליא-רע אינדזלען יישוווים, וויסנשאפטלעכע סטאנציעס, ראדיאָ-סטאנציעס יעדן זומער ווערן געשיקט אפן אײַז-יאם אײַזשפאלטערס, וואָס אָרגא-ניזירן דעם גייען אט יאם-כײַעס און ברענגען אפן צאָפן פארשיידענע סכוירעס. אפן שפיצבערגן-אינדזל ווערט איצט ארויסבאקומען שטיינ-קוילן, דאָרטן לעבן א גאנצן יאָר א סאך מענטשן. אין די יישוווים ברענט עלעקטרע, עס איז דאָרטן פאראן ראדיאָ.

אויב עס טרעפט אמאָל א שיף-ברוך און די יעגער בלײַבן אינעם אײַז-מידבער, אָרגאניזירט די סאָוועטישע רעגירונג גיכע הילף צו רא-טעווען זיי. די סאָוועטישע פליִער געפינען די געליטענע פון דער קא-טאסטראָפע, ווײַזן די אײַזשפאלטערס דאָס אָרט פון דער קאטאסטראָפע, אָדער זיי נידערן אליין ארונטער אפן אײַז און נעמען אראָפּ פון איט די געליטענע.

אלע געדענקען די רעטונג פון די טשעליוסקינצעס.

אפן ווײַטן צאָפן טרעפן אלע זומער פיל אנדערע פאלן, ווען מענטשן ווערן געראטעוועט פון די אײַז-פענטעס. מיט יעדן יאָר בא-הערשט דער מענטש אלץ מער און מער דעם בייזן פּאָליאר־יאם.

# א י נ ה א ל ט


זײַט

ווער איז געווען ראָבינזאָנ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

דער אײַדיאָם . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

וואָס פארמאָגנ די פאָליארע לענדער . . . . . . . . . . . . . . 8

ווי נאָכ א שיפ־ברוכ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 15

אלײנ אינ אײַז־מירבער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 18

דאָס צווייטע מאָל ווינטערנ . . . . . . . . . . . . . . . . . 25

געראסעוועס פונ דער אײַדגעפענקעניש . . . . . . . . . . . . . 27

Цена 50 коп.

פרייז 50 קאָפּ.

Д—1

Н. К. ЛЕБЕДЕВ

# АРХАНГЕЛЬСКИЕ РОБИНЗОНЫ

Изд-во „Эмес", Москва, Старопанский пер., 1